איה בני אייך
בקרוב ממש
די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע

ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג

הייסט דאס 'נאכגעלאפן דעם שדכן'?!

אמע"כ העסקנים החשובים העוסקים בצרכי ציבור באמונה, במסגרת הארגון החשוב 'בקרוב' - שמטרתם לעשות חיל בעניני שידוכים ובניית בתים נאמנים להשם ולתורתו.

צוערשט וויל איך אלס געבן א קאמפליענט. איך בין א שדכן פאר די לעצטע 3 יאר, ב"ה אז אין די לעצטע פאר וואכן זינט איר האט אנגעהויבן שרייבן אייערע ארטיקלען, זעט מען א געוואלדיגע שינוי לטובה אויף די אלע נקודות וואס איר באשרייבט אין אייער הערליכע און וויכטיגע סעריע.

דאס ווייזט אז עלטערן ווילן אלעס טוען צו קענען טרעפן א גוטן שידוך פאר זייער קינד, און די אלע מניעות וואס איז געווען ביז היינט איז פשוט געקומען פון חוסר ידיעה און אומוויסנשאפט. אצינד אז איר אדרעסירט עס אזוי שיין, ווערט עס ב"ה אינפארסירט.

און... אויך די שדכנים מיט ערפארונג הייבן אן צו פארשטיין די עלטערן, בפרט אזא שדכן ווי מיר וואס האט קוים בר מצוה געמאכט מיין ערשטן קינד פאר א האלבע יאר צוריק, און איז קיינמאל נישט געשטאנען אין דעם מצב פון עלטערן וואס זוכן א שידוך. איך האב מיר אסאך געלערנט פון אייך צו פארשטיין אביסל די מהלך המחשבה פון עלטערן, און עס העלפט מיר גאר שטארק אין די עבודת הקודש.

און יעצט צום ענין: פארגאנגענעם וואך האט איר געשריבן איבער די וויכטיגקייט פון אויפהייבן א טעלעפאן רוף פארן שדכן און צוריק רופן. דאס איז א זאך וואס דארף האבן א שטארקע אויפוואכונג, מענטשן האבן עפעס מורא דערפון, איך ווייס אליינס נישט פארוואס.

עס וואלט געווען א גרויסע טובה פאר כלל ישראל אויב איר וועט אויסשמועסן די נקודה אז צוריק רופן דעם שדכן איז נישט קיין שוואכקייט אדער עפעס נישט-ריכטיג, נאר אדרבא, ס'איז א הילף פאר די שידוך צו גיין ווייטער.

יישר כח און הצלחה מרובה. ה. שווארץ, מאנסי ניו יארק.

עס איז גאר געשמאק און צופרידנשטעלנד צו הערן די מורא'דיגע גוטע גריסן ב"ה, מיר הערן כסדר צוריק איבער די געוואלדיגע מהפכה וואס די סעריע פון "בקרוב ממש" ארטיקלען האבן געברענגט, און די גרויסע אויפוואכונג אין די פעלד פון שידוכים און שדכנים.

איבער אייער אנפראגע וועגן עלטערן וואס רופן נישט צוריק דעם שדכן אויב רופט ער אין א צייט ווען זיי האבן נישט געקענט אויפהייבן, איז דא אסאך וואס צו רעדן. מיר האבן שוין אסאך אנאליזירט דעם פראבלעם, און אפילו געטראפן דעם שורש דערפון, וואס איז נישט מער ווי א אומריכטיגע און פאלשע פסיכאלאגישע שרעק.

עלטערן וואס דארפן צוריק רופן דעם שדכן, טוען עס זייער שווער, און זיי שטייען אוןווארטן אז דער שדכן זאל צוריק רופן נאכאמאל אז מ'זאל קענען אויפהייבן, אין די צייט וואס דער שדכן שטייט ביים אנדערן זייט טרייבל און גייט אויס צו הערן עפעס א רעאקציע פון די עלטערן...

פארוואס האבן עלטערן מורא? ס'האט א לאגישע ענטפער: עלטערן שפירן צומאל אז אויב וועלן זיי צוריק רופן דעם שדכן, וועט דאס אנגעקוקט ווערן אויף א פארמאט פון "איך לויף נאך דעם שדכן". מען רעדט זיך איין אז אויב וועט דער שדכן זען ווי 'מ'לויפט אים נאך', וועט ער שפירן באלד אז די עלטערן גייען אויס פאר א שידוך, און ער וועט פארשלאגן עפעס וואס איז נישט פאסיג...

געוויסע עלטערן האבן מורא אז דער שדכן וועט זאגן פארן אנדערן צד 'די עלטערן וועלן מיר זיכער באלד אנרופן', און די אנדערע צד וועט שפירן אז זיי ווילן גאר שטארק א שידוך און דערפאר לויפן זיי נאך דעם שדכן, און דאס וועט זיי מאכן איבערקלערן די זאך...

טראכט אריין דערין א מינוט וועט איר זען אז דאס איז א ריכטיגע אפשאצונג!

אבער אויב וועלן מיר גיין מיט דעם אמת, שטעלט זיך ארויס אז עס איז נישט ריכטיג. די שדכנים פון 'בקרוב' און סיי וועלכער שדכן, וועט אייך באלד זאגן אז עס איז פונקט פארקערט. עלטערן וואס רופן צוריק און מאכן זיך וויסנדיג, וועלן פיל שנעלער באקומען פארשלאגן, ווייל דער שדכן ווייסט אז ער האט מיט וועמען צו גיין צום טיש, מען איז נייגעריג צו הערן וואס מ'האט צו אנטראגן.

ווייטער מצד די אנדערע זייט איז עס אויך אן איינרעדעניש, ווייל קיינער איז נישט נייגעריג אז עס זאל זיך ציען געשפרעכן פאר לאנגע טעג און וואכן אן קיין ערנסטע פארשריט, פארקערט, די אנדערע צד זעט אז דא איז דא איינער וואס נעמט אלעס אין באטראכט, און ווארט נישט אויפן אלף השישי, נאר באשליסט וואס זיי ווילן און האבן באלד אן ענטפער!

רבותי, דער שדכן ווארט איר זאלט אים רופן, פונקט ווי איר ווילט נישט זיין אין זיינע אויגן איינער וואס 'לויפט נאך', וויל ער נישט זיין דער 'שדכן וואס לויפט נאך און מוטשעט'... אנשטאט יעדער זאל ווארטן נערוועז אומזיסט, הייבט אויף א טעלעפאן צוריק צום שדכן, און מיר גאראנטירן אייך אז עס וועט נישט שאטן פאר קיין שידוכים...

אין ערגסטן פאל קענט איר אונטערשיקן אייער מאן אדער ווייב, צי א ברודער אדער שוועסטער זאל זאגן פארן שדכן די ענטפער וואס ער וויל וויסן, אין פאל איר אליין קענט זיך נישט ברענגען צו ענטפערן דעם רוף. אבער איגנארירן? דאס איז נישט קיין מהלך, און צוריק רופן איז אויסדרוקליך נישט קיין נאכלויפן אדער מוטשענען.

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה, קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר וועלן בעז"ה אדרעסירן אייער טעמע.
טעלפאון: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092
בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com